# בקשה צוריקצוצאלן געגנב'טע סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) און/אדער צייטווייליגע הילף (TA) קעש בענעפיטן

די פארעם מוז ווערן גענוצט צו בעטן צו צוריק באקומען SNAP און/אדער TA קעש בענעפיטן וואס זענען געגנב'עט געווארן דורך עלעקטראנישע מיטלען אזוי ווי קארטל ארויסציהען ('סקימינג'), קארטל קלאנירן, דריטער צד פאלשע פארשטעלונג אדער אנדערע ענלעכע מעטאדן אזוי ווי 'פישינג'.

## אפטיילונג א: הויזגעזונד אינפארמאציע

| קעיס נאמען | | קאונטי |
|---|---|---|
| קעיס נומער אדער קליענט ID נומער (CIN) | לעצטע 5 ציפערן פון EBT קארטל | געבורט דאטום |
| אדרעס (מיטן הויז נומער און דירה נומער) | סיטי, סטעיט, זיפ | טעלעפאן נומער |

## אפטיילונג ב: בענעפיט גניבה אינפארמאציע

איך ________________________________, בין דער בעל הבית פון מיין הויזגעזונד אדער אן דערוואקסענע הויזגעזונד מיטגליד פאר די אויבנדערמאנטע קעיס און וויל באריכטן די פאלגנדע צו די אגענטור פארשטייער:

דאטום ווען איך האב אנטדעקט אז די בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן: ____________________ (די דאטום מוז זיין אין די פארגאנגענע 30 טעג אדער וועט אייער אפליקאציע מעגליך צוריקגעוויזן ווערן פארן אריינגעגעבן ווערן שפעט.)

סך הכל סכום געגנב'עטע SNAP בענעפיטן: $__________

סך הכל סכום געגנב'עטע TA קעש בענעפיטן: $_________

איך האב געהאט מיין EBT קארטל ביי מיר ווען מיינע בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן: ☐יא ☐ניין

איך האב באריכטעוועט מיין EBT אלץ פארלוירן אדער געגנב'עט: ☐ יא ☐ ניין

**ביטע פארשרייבט די טראנסאקציעס וואס געהערן נישט צו אייך (ביטע טשעפעט צו עקסטערע בלעטער אויב נייטיג):**

| דאטום פון טראנסאקציע | פראגראם סארט (SNAP אדער TA קעש) | סומע פון טראנסאקציע | פארקויפערס נאמען און לאקאציע (אדרעס) פון טראנסאקציע |
|---|---|---|---|
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |

**ביטע לייגט צו סיי וועלכע נאך אינפארמאציע וועגן דער גניבה וואס איר מיינט איז וויכטיג פאר אונדז צו וויסן:**

| |
|---|
| |

## אפטיילונג ג: באשטעטיגונג

איך פארשטיי און בין מסכים צו די פאלגנדע:

- איך מוז אויספילן, אונטערשרייבן, און איינגעבן די פארעם צו בעטן דעם פארבייט פון געגנב'עטע בענעפיטן.
- איך ערקלער צום שטראפן מיט פאלש עדות זאגן אז די אינפארמאציע וואס איך האב צוגעשטעלט אין דער בקשה איז אמת און אקוראט.
- דאס איינגעבן פון דער בקשה גאראנטירט נישט אז מיינע בענעפיטן וועלן ווערן פארביטן.
- אויב איך האב נאכנישט ערזעצט מיין געגנב'עטע/פארלוירענע EBT קארטל, וועט עס ארויסגענומען ווערן פון דינסט און ערזעצט ווערן פאר מיר.
- אויב איך האב וויסענדיגערהייט געגעבן פאלשע אינפארמאציע וועגן די אויבנדערמאנטע פאקטן , קען איך ווערן באשולדיגט מיט א בכיוונדיגע פראגראם געזעץ-ברעכונג (IPV) און קען גורם זיין צו ציווילע און קרימאנעלע קנסות, אריינגערעכנט אבער נישט באגרענעצט צו, קנסות פאר פאלש עדות זאגן אדער איינגעבן א פאלשן אינסטרומענט. איך וועל אויך דארפן צוריקצאלן אלע בענעפיטן וואס איך בין נישט געווען פאסיג צו באקומען.
- איך האב דאס רעכט צו א יושר'דיגע הירינג זיך קעגנשטעלן קעגן דעם אפזאג אדער פארשפעטיגונג פון ארויסגעבן א פארבייטונג פאר מיין הויזגעזונד.  פארגוטיגונגען וועלן נישט ארויסגעגעבן ווערן איידער די יושר'דיגע הירינג באשלוס.

| | |
|---|---|
| אונטערשריפט ______________________ | דאטום ______________ |

**באמערקונג:** **דער אויסגעפילטע און אונטערגעשריבענע פארעם מוז ווערן איינגעגעבן צו אייער לאקאלע דיסטריקט. די פארעם קען ווערן איינגעגעבן פערזענלעך, דורך דער פאסט, אדער דורך NYDocSubmit.**

## Section D: District Determination

**District Use Only**

**Replacement Approved?** ☐ Yes ☐ No

**Replacement Amount(s):** **SNAP - $**______________ **TA Cash - $**_____________

**Comments:**

**Worker Signature:** ______________________________________________ **Date:** ________________

**Supervisor Signature:** ____________________________________________ **Date:** ________________

# *אנווייזונגען וויאזוי צו אויספילן די בקשה צוריקצוצאלן געגנב'עטע סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) און/אדער צייטווייליגע הילף (TA) קעש בענעפיטן*

אויב איר זענט בלינד אדער אייער זעהקראפט איז גאר שוואך, און איר דארפט די פארעם און/אדער די *בקשה צוריקצוצאלן געגנב'עטע סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) און/אדער צייטווייליגע הילף (Temporary Assistance, TA) קעש בענעפיטן* אפליקאציע אין אן אנדערן פארמאט, קענט איר עס פארלאנגען פון אייער סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט (דיסטריקט). די פאלגענדע אנדערע פארמאטן זענען בנמצא:

- גרויסע אותיות;
- דאטא פארמאט (א עלעקטראנישע פייל וואס ספעציעלע קאמפיוטער פראגראמען קענען ארויסליינען הויך);
- אודיא פארמאט (אן אודיא טראנסקריפציע פון די אינסטרוקציעס אדער אפליקאציע/נאכאמאל סערטיפיקירן פראגעס);
- ברעיל, אויב איר זאגט אז קיין איינס פון די אנדערע פארמאטן אויבן וועלן נישט ארבעטן די זעלבע גוט פאר אייך.

אויב איר ברויכט אז מיר זאלן זיך צושטעלן אויף אן אנדערע אופן, ביטע פארבינדט אייך מיט אייער סאשעל סערוויסעס דיסטריקט.

## אלגעמיין

די *בקשה צוריקצוצאלן געגנב'עטע סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) און/אדער צייטווייליגע הילף (TA) קעש בענעפיטן* אפליקאציע זאל אויסגעפילט ווערן דורך הויזגעזינדער וואס זענען אריבער שווינדלעריי-פארבינדענע בענעפיט גניבה. די סארט גנבה געשעט ווען SNAP און/אדער TA מזומן בענעפיטן ווערן געגנבט דורך עלעקטראנישע מיטלען אזוי ווי EBT קארטל ארויסציען, קלאנירן, צד שלישי פאלש פאַרשטעלן, אדער אנדערע ענלעכע געשווינדלטע מעטאדן אזוי ווי פישן.

איר מוזט אויספילן יעדן טיילווי ווייט און פונקטליך מעגלעך, און אונטערשרייבן און דאטירן די אפליקאציע איידער איר גיט עס איין. כדי צו ווערן באשטימט אלס בארעכטיגט צוריקצובאקומען בענעפיטן, מוזט איר איינגעבן די אפליקאציע **ביז דרייסיג (30) טעג** פון דעם דאטום וואס איר האט אנטדעקט אז אייערע בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן. נאך 30 טעג זענט איר מער נישט בארעכטיגט צוריקבאקומען בענעפיטן.

### אפטיילונג א: הויזגעזונד אינפארמאציע

דער אפטייל זאמעלט אלגעמיינע דעמאגראפישע אינפארמאציע וועגן אייער הויזגעזינד אומשטאנדן.

### אפטיילונג ב: בענעפיט גניבה אינפארמאציע

דער אפטייל זאמעלט ספעציפישע אינפארמאציע וועגן SNAP און/אדער TA קעש בענעפיטן גנבה און אינפארמאציע וועגן דעם EBT קארטל וואס איר האט געהאט ווען אייערע בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן.

ביטע באמערקט, אויב איר האט נישט באריכטעוועט אייערפארלוירענע אדער געגנב'עטע EBT קארטל און האט נאך נישט פארלאנגט א ניי EBT קארטל זינט אייערע בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן, איז אייער SNAP אדער TA קאנטע מסתמא נאך אלץ איינגעשטעלט. קיין שום צוריקצאל בענעפיטן וועלן נישט ווערן ארויסגעגעבן ביז איר טוט נישט באריכטעווען וועגן אייער פארלוירענע אדער געגנב'עטע איינגעשטעלטע EBT קארטל. צו באריכטעווען אייער געגנב'עטע קארטל, פארלאנגען א ניי קארטל, און טוישן אייער PIN נומער ביטע רופט EBT קונה סערוויס 888-328-6399, אדער גייט צו https://ebtEDGE.com.

אויב אייער געגנב'טע/פארלוירענע קארטל איז נישט ארויסגענומען געווארן פון דינסט בעפאר די אפליקאציע, וועט דאס ארויסגענומען ווערן פון דינסט פאר אייער וועגן, און א נייע קארטל וועט געשיקט ווערן צו אייך דורכאויס דעם אפליקאציע איבערבליק פראצעדור.  דאס קען אפשטופן די צייט ווען איר וועט באקומען די צוריקגעצאלטע בענעפיט אויב איר זענט בארעכטיגט דערפאר.

**טראנסאקציעס**

רעכנט אויס יעדע SNAP אדער TA מזומן טראַסאקציע וואס איר האט נישט געמאכט אויף א באזונדערע שורה, אפילו פאר איינגעקויפטע זאכן וואס האבן פאסירט אין דעם זעלבן טאג אדער אין דעם זעלבן געשעפט. אוויב איר דארפט האבן עקסטערע שורות, ביטע לייגט צו נאך בלעטער לויט וויפיל איר דארפט האבן. איר קענט טרעפן און איבערקוקן די אינפארמאציע ביי אדורכגיין אייער EBT היסטאריע אין https://www.ebtEDGE.com/ אדער דורך אראפלאדנען די ebtEDGE מאבילע אפ (מ'קען עס באקומען אין דער עפל אפ געשעפט און גוגל פלעי געשעפט). א צווייטע מעגלעכקייט, קענט איר אויך טרעפן די אינפארמאציע דורך רופן דעם אומזיסטן EBT קונה סערוויס הילפליניע 1-888-328-6399. איר קענט נוצן די הילפליניע צו:

- הערן אייערע לעצטע צען טראנסאקציעס פון דעם אויטאמאטישן מעניו.
- פארלאנגען א געדרוקטע 2-מאנאטדיגע באריכט פון אייער קאנטעס היסטאריע פון דעם אויטאמאטישן מעניו אדער פון א קונה רעפרעזענטעטיוו.
- איבערגיין אייערע טראנסאקציעס מיט א קונה-סערוויס רעפרעזענטעטיוו.

**נאך אינפארמאציע**

ביטע דרוקט סיי וועלכע אינפארמאציע וועגן דער גניבה וואס איר מיינט איז וויכטיג פאר אייער דיסטריקט צו וויסן. צום ביישפיל, אויב איר גלייבט אז איר ווייסט ווי אזוי אייער קאנטע איז געווארן קאמפראמאטירט, ביטע גיט עס צו פארשטיין דא.

**אפטיילונג ג: באשטעטיגונג**

ביטע לייענט דעם סערטיפיקאציע אפטייל מיט קאפ. אויב איר זענט מסכים מיט די טערמינען פון דער סערטיפיקאציע, ביטע שרייבט אונטער און דאטירט די אפליקאציע. אייער חתימה און דאטום זענען געפאדערט צו פראצעסירן דעם פארלאנג.

**אפטיילונג ד: דיסטריקט באשטימונג**

די רעשט פון דער אפליקאציע איז פארן דיסטריקט באניץ. שרייבט **נישט** אריין אין דעם בלויזן דיסטריקט באניץ אפטייל. אויב איר דארפט האבן עקסטערע פלאץ פאר סיי וועלכן טייל פון דער אפליקאציע, ביטע טשעפעט צו א באזונדערן בלאט מיט די איבעריגע איינצלהייטן.

**צוריקצאל בענעפיט פאסיגקייט און אויסרעכענונג**

איר דארפט נישט האבן קיין אקטיווע SNAP אדער TA קעיס צו זיין פאסיג צו באקומען א צוריקצאל בענעפיט אויב עס איז באשטעטיגט געווארן אז אייערע בענעפיטן זענען געגנב'עט געווארן דורך עלעקטראנישע מיטלען אזוי ווי EBT קארטל ארויסצי, קלאנירן, צד שלישי פאלש פאַרשטעלן, אדער אנדערע ענלעכע געשווינדלטע מעטאדן אזוי ווי פישן. די פארהאנענקייט פון א צוריקצאל בענעפיט ווענדט זיך אויפן סארט בענעפיט וואס איז געגנב'עט געווארן.

**TA**

דאס ארויסגעבן די צוריקגעצאלטע TA קעש בענעפיטן איז באגרענעצט צו יענע הויזגעזינדער וואס זענען דורכגעגאנגען שווינדלעריי-פארבינדענע גנבות פון TA קעש בענעפיטן **אויף אדער נאך יאנואר 1, 2022**. הויזגעזינדער קענען נישט באקומען מער ווי צוויי (2) צוריקגעצאלטע TA קעש בענעפיטן אין דער צייטרעם פון יאנואר 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2022. דערנאך, קענען הויזגעזינדער נישט באקומען מער ווי צוויי (2) צוריקגעצאלטע TA קעש בענעפיטן אין איין פיסקאלן יאר (אקטאבער 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2023 און אקטאבער 1, 2023 ביז סעפטעמבער 30, 2024). נאך סעפטעמבער 30, 2024, וועלן הויזגעזינדער זיין בארעכטיגט צו באקומען איין (1) צוריקצאל TA קעש בענעפיט אין איין איינציגן פעדעראלן פיסקאלן יאר.

**SNAP**

דאס ארויסגעבן פון צוריקצאל SNAP בענעפיטן איז באגרענעצט צו הויזגעזינדער וואס זענען דורכגעגאנגען שווינדל-שייכות'דיגע גנבות פון SNAP בענעפיטן **אויף אדער נאך אקטאבער 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2024.** הויזגעזינדער קענען נישט באקומען מער ווי צוויי (2) צוריקצאל SNAP בענעפיטן אין איין פעדעראלן פיסקאלן יאר (אקטאבער 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2023 און אקטאבער 1, 2023 ביז סעפטעמבער 30, 2024).

פארביידע סארטן בענעפיטן, דער צוריקצאל בענעפיט וואס איר זענט פאסיג צו באקומען איז אדער די גאנצע סומע פון SNAP אדער TA מזומן בענעפיטן וועס איז געגנבעט גערווארן, אדער א סכום פון צוויי (2) מאל די SNAP אדער TA בענעפיטן וואס איר האט באקומען אין דעם לעצטן חודש איידער. זיי זענען געגנב'עט געווארן, **דעם קלענערן סכום פון די צוויי**.

## אינסטרוקציעס פארן איינגעבן

פאר הויזגעזינדער וואס וואוינען אויסער ניו יארק סיטי, קען די אפליקאציע ווערן איינגעגעבן צו אייער לאקאלע דיסטריקט פערזענלעך, דורך דער פאסט, אדער א מאבילע ארויפלאד צו NYDocSubmit.

- **פאסט/פערזענלעך:** צו טרעפן אייער לאקאלע דיסטריקט אדרעס און קאנטאקט אינפארמאציע קענט איר באזוכן אונדזער וועבזייטל: https://otda.ny.gov/workingfamilies/dss.asp אדער רופט אונדזער אומזיסטע OTDA הילפליניע: 1-800-342-3009.
- **מאבילע ארויפלאדן:** איר קענט נוצן די NYDocSubmit מאבילע אַפּ ארויפצולאדן די אפליקאציע צו אייער דיסטריקט דורך כאפן א בילד פון דער אפליקאציע און איינגעבן די בילדער דורך אייער מאבילן אפאראט. פאר מער מפורט'דיגע אינסטרוקציעס, ביטע באזוכט אונדער וועבזייטל: https://otda.ny.gov/programs/nydocsubmit/.

פאר הויזגעזינדער וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי:

- **אפליקירט אנליין:** לאגירט צו אייער ACCESS HRA קאנטע אדער באזוכט https://www.nyc.gov/site/hra/help/benefitreplacement.page
  - **אפליקירן אנליין איז דער שנעלסטער, לייכסטער וועג צו אפליקירן!**
- **מיטן פאסט:** איר קענט שיקן מיט דער פאסט אן אויסגעפילטע פאפירענע אפליקאציע צו:
  - PO Box 29006 Brooklyn, NY 11202.
- **פערזענלעך:** איר קענט באזוכן סיי וועלכע בענעפיטן צוגאנג אדער SNAP צענטער. איר קענט געפונען א צענטער אויף NYC.gov (https://www.nyc.gov/site/hra/locations/locations.page)